# פון דער ביכער־וועלט

## י. באַשעווים

### זאַמעלביכער, נומער 4.

רעדאַקטירט פון י. אַפּאַטאַשו און ה. לייוויק

ניו יאָרק, יוני, 1939. 382 זייטען.

דאָס בוך הויבט זיך אָן מיט אַ פּאָעמע פון אריה שמרי — לייזער ציפּרעס. אריה שמרי וואוינט אין עין־שמר, ארץ־ישראל, און, אויף ווי ווייט מען קאָן זיך אָריענטירען, באַזינגט די פּאָעמע דעם חלוץ, דעם אידישען פּיאָנער אין פּאַלעסטינע. עס איז אמת, אַז שמרי רעדט אין זיין פּאָעמע וועגען ל"ו צדיקים; וועגען אַ צדיק, וואָס האָט דעזערטירט פון די ל"ו און איבערגעלאָזט ל"ה; וועגען עפּעס סודות'דיגע „הונדערט גוטע ברידער פון מידע טעג", „אַלע — גערעכט און אַלע צדיקים". אָבער דער לייענער דאַרף נישט נעמען שמרי'ס פּערזען וואָרטליך. אריה שמרי געהערט צו יענעם סאָרט דיכטער, פאַר וועלכע עס איז אַ באַזונדערער פאַרגעניגען צו פאַרשטעלען דעם מיין פון זייערע ווערטער, איינצוהילען איהם אין כלומרשטע סודות, צו פאַרוואַנדלען זייערע שאַפונגען אין רעטענישען, רעבוסן, אַז נאָר געניטע און געדולדיגע זאָלען קאָנען אויסגעפינען, וואָס עס באַהאַלט זיך הינטער זיי. אָט זיינען ביישפּילען:

> לעמאָנען האָבען זיך אין מערב איינגעשטאָכען,
> געבוינגען האָבען זיך ציפּרעסען.
> אויף וועגען האָט די נאַכט געשריבען תיו!
> מאַמע! ס'איז נישטאָ וואָס צו עסען.
> תהלים זינגט נישט מעהר ביי למד וואוו...

דער שניי איז ביי אריה שמרי נִיט ווייס, נאָר רויט. „רויטע שריט אויפ'ן שניי" „דער שניי רינט נאָך רויט פון די פּיס", „טוי איז אויך געראָנען רויט פון די ביימער". „די וועלט אין וויי" „צייטיגט רויט". דאַגעגען גרוויין, איז ביי א. שמרי'ן — ווייס, און בלוט — גרין...

> ער געהט. — — —
> מיט אַ ו ו י י ס גרוויין,
> שמעקט ער פּיס אין הייסען ליים.

---

> ס'זיינען טעג דאָ
> ווען ג ר י ן בלוט,
> שטראָמט אין געביין.
> אונטער דער רוט
> רינט דער שוויים ווי וויין.
> מאָרגען טויאינט רוף,
> און ס'זינגט דער גוף
> צווישען גרין און בלאָ:
> — לכו נרננה — —

ווען א. שמרי וויל זאָגען, אַז זיין העלד, דער למד וואָווניק, לייענט לייוויק'ן, זאָגט ער:

> פון איבער זומפּ און ים —
> נתן ניומאַנ'ס קול — —
> אַ שטילער, נאָענטער קול —
> פון דענווער מאַן, —
> וויטיג שאַרכען
> אין גאולה־שפּאַן.

בלויז די יעניגע, וואָס ווייסען, אַז ה. לייוויק האָט אָנגעשריבען אַ פּאָעמע וועגען אַ שווינדזוכטיגען, נתן ניומאַן, וואָס שטאַרבט אין דענווער־סאַניטאַריום, וועט פאַרשטעהן וואָס דער מאָדערנער בעל־פּיוט מיינט דאָ צו זאָגען. ווען א. שמרי וויל זאָגען, אַז דער העלד האָט געלייענט ברענער'ן, טוט ער אַ זאָג:

> און יוסף חיים — דאָס ברענענדיגע האַרץ —
> מיט נאָדלען
> אמת
> גורל
> וויי
> פּיין
> שטעכט אין זיין וואונדיג פלייש אַריין.

אריה שמרי איז אומפאַרשטענדליך, אָבער נישט טיף. ער שרעקט, אָבער עס שרעקט נישט, ווי טאָלסטאָי האָט זיך אויסגעדריקט. ער נוצט הויכע ווערטער: משיח, עקידה, בשורה, בת־קול, למד־וואָוו, למד־הא, גאולה־שפּאָן, „רויך געהט צום כסא־הכבוד", „יעדע ראָד איז גאָט", „למד וואָוו סטאַדעס זיינען געגאַנגען צום טורעם", „אַ טורעם אַ ריז, תכלת די פּיס, זשאַווער דער קאָפּ", א. א. וו. אָבער דאָס איינציגע געפיהל, וואָס בלייבט איבער נאָכ'ן לייענען די לאַנגע פּאָעמע פון קנאַפּע פערציג זייטען — — איז לאַנגווייל, מורא'דיגער לאַנגווייל.

**
*

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט אַ פראַגמענט פון אַ פּאָעמע — „זעליג דער איינבינדער". עס האַנדעלט זיך וועגען אַן איינבינדער, וואָס האָט באַקומען צום איינבינדען דאַרווינ'ס אַ בוך, אָדער עטליכע ביכער. זעליג איז, אַפנים, אַ איד אַ משכיל, אַן אפּיקורס, ווייל ער איז זעהר צופרידען פון דער אידעע, אַז מענשען שטאַמען פון מאַלפּעס. איבערהויפּט איז ער צופרידען, וואָס בענדעטל תקיף, דער פּרנס פון שטאָט, שטאַמט אויך פון אַ מאַלפּע... פּאָעמעס פון אָט דעם סאָרט דאַרפען ווערען געשריבען לייכט, הומאָריסטיש און איבערהויפּט — ק ו ר ץ. אָבער לייַדער האַלט זיך נישט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי ביי אָט־דעם כלל. די פּאָעמע איז באַריידעווזדיג און דאָס ביסעל הומאָר ווערט פאַרלוירען. „זעליג דער איינבינדער" איז, ווי עס ווערט געזאָגט אין אָנהויב פון דער פּאָעמע, אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער פּאָעמע, וואָס טראָגט דעם נאָמען שיינדל קאַנאַריי.

**
*

מעינקע קאַץ האָט אַ פּאָעמע „מיכאַלישעק אין אַמעריקע". קאַץ באַשרייבט דעם גורל פון אַ אידיש־ליטווישער פאַמיליע, וואָס האָט נאָכ'ן קריג אַריבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. דער טאַטע, הירש־דוד, איז געוואָרען אַן אַרבייטער אין אַ גרויסער זייד־פאַבריק. די מאַמע פיהרט דאָס באַלעבאַטישקייט. יעסקע און בלומקע, דער זוהן און די טאָכטער, אַרבייטען און קומען אַהיים אין אָווענט אויף סאָפּער. בלויז איין זוהן, מענטקע, איז איינזאַם. ער איז אַ דיכטער און וואוינט ערגעץ אין אַ „שטיל צימערל — אין רעדעוודיגען ניו־יאָרק, און ס'רייזט זיין פּען — דורך אמת'ע און דורך אויסגעקלערטע וועלטען". דאָס שטיבעל איז קליין, אָרעם, קאַלט, אָבער צום דיכטער קומט אַ מיידעל כאַסקע, וואָס פאַרזיסט אַביסעל זיין לעבען. איז אָבער כאַסקע זעהר אַ טרויעריגע. זי האָט דורכגעלעבט די פּאָגראָמען אין אוקראַינע און האָט פאַרלוירען שוועסטערלעך און ברידערלעך. די פּאָעמע ענדיגט זיך מיט דעם דיכטער'ס וויזיע, אַז נייע דורות וועלען קומען, וואָס וועלען טרייסטען כאַסקע'ן און היילען איהרע וואונדען.

די פּאָעמע פאַרמאָגט שטעלען, וואָס זיינען זעהר פּלאַסטיש, ווי די שילדערונגען פון דער זייד־פאַבריק, וואו דער טאַטע, הירש־דוד, אַרבייט. אָבער דאָס רוב פערזען זיינען איבערגעלאָדען מיט ווילדע, צוגעטראַכטע מעטאַפאָרעס, צעהן־גאָרנדיגע מליצות און גלאַט שרייענדיגע אויסדרוקען, וואָס פאַרוואַנדלען די פּאָעמע אין איין געשריי, אין איין פאַרטויבענדיגען טומעל. מיר האָבען דאָ אַזעלכע אויסדרוקען, ווי: „פון שווערדען אַ וואַקכאַנאַליע־חופּה", „אַ גזלנים־נאַכט מיט אָפענע וואונדען", „זיבען צומעסערטע יאָרען", „אַ האַנטוך מיט פיר

אַקטיווע ראָלע אין דער שפּיל, איז אייגענטליך די
פיגור. זי געבוירט דאָס קינד, די צוקונפט,
ער צייטלין זעהט די טרייסט, די האָפנונג, אָדער, ווי
דאָס אויס פּאָעטיש די אייביגע, די גוטע גייס־
באַווייזען זיך צום האַלב־פאַרפייניגטען פאָטער פון
:

קינד איז ניי, איז אייביג ניי.
קינד בינדט אויף, וואָס פאָטער בינדט.
קינד באַפרייט, ווייל קינד איז פריי.

ראַמע איז, אין אַ געוויסען זין, געבויט לויט דער
לע. דער שטן, דער פירשט פון פינס־
ש, גלויבט אַז עס איז ענדליך געקומען די צייט ווען
ווינען די אייביגע מלחמה וואָס הערשט צווישען איהם
ער זאָגט: „אַלץ איז צו מיין הערשאַפט גרייט. נישט
אַ צייט, נישט געווען אַזאַ דור. די אינסטרומענטען
ר פון ליכט, זיינען אַנדערע ווי פריהער, אַנדערע און
.. ווען איך בין דאָרט אונטען מענש געווען און האָב
גן טאָרקוועמאַדאַ געטראָגען — וואָס האָב איך דען
מיין רשות אַחוץ אַ פּאָר אַלטע קאָמישע טאָרטור־
איצט האָב איך ראַדיאָ און לופט־מאַשין, צייטונג
נע"... דער האַר פון ליכט נעמט אַז די אַרויספּאַ־
היטלער קומט צו דער מאַכט. עס זעהט אויס אַז
האָט דער שטן אַלע שאַנסען צו זיגען. אָבער עס ווייזט
, אַז גאָט האָט איהם נאָר געגעבען רשות צו טרייבען
לישע שטיק אין דער געגענוואַרט. די צוקונפט קאָן
אויך נישט אַוועקשענקען, ווייל — „אין אדם מקנה
בא לעולם", מ'קאָן נישט אַוועקגעבען עפּעס וואָס
ישטאָ, וואָס דאַרף ערשט געשאַפען ווערען. אין דעם
סטענץ פון דער צוקונפט ליגט די אימפּאָטענץ פון
טען וואָס איז, לויט זיין ווערען, געגענוואַרטיג, צייט־
ר פאָטער פון דעם ניי־געבוירענעם קינד זינגט:

מיין זון איז העל,
זיין פּנים שטראַלט,
ס'דערפרייעט די וועלט
זיין שעהן געשטאַלט.
מיין זון איז שטאַרק,
זיין פויסט — געבאַלט,
ער טרייבט די וועלף
צוריק אין וואַלד...

יז זעלטען צו טרעפען אַ ווערק וואו די אידעע זאָל
אַזוי קלאָר און איבערצייגענדיג ווי אין צייטלין'ס
נמס לאַנד". „אין קיינעמס לאַנד" איז נישט קיין
טע דראַמע אין געוועהנליכען זין פון וואָרט. פון
ר אומענדליכער צאָהל געשעהענישען און עפּיזאָדען,
טען געקאָנט אַריינגענומען ווערען אין אַ דראַמע פון
אָרט, האָט צייטלין קודם־כל אויסגעקליבען די יעניגע
אַמבעסטען סימבאָליזירען דעם גייסט פון
דעם אינערליכען זין דערפון וואָס עס טוט זיך אָפּ
דור, די מעטאַפיזיק פון דער געשיכטע. דאָס רעאַ־
יז דאָ אויף אַזויפיל באַרעכטיגט אויף וויפיל עס
סימבאָליסטישען, און ווען עס איז נויטיג איז צייטלין
אויסערליכע לאָגיק פון די פּאַסירונגען אום אַרויס־
זייער טיפערען זין. צייטלין האָט, מיט רעכט, זיך
אויף שעקספּיר'ן, אָבער מען האָט צומאָל דעם איינ־
איז ווי פאַר'כישופ'ט געוואָרען פון זיינע מעטאָדען,
ן פון זיין גאַנצער קינסטלערישער וועלט־באַנעמונג.
ט איינפלוס אין געוועהנליכען זין פון וואָרט. עס איז
נטדעקטע „וואַלפּאַרוואַנדשאַפט". אָבער דאָס אידיש־
ע אין צייטלינ'ען לאָזט זיך נישט לייכט צונויפגיסען
אַריש־אַרכאַאישע עלעמענטען. „דער פירשט פון
פינסטערניש" איז נישט דער שטן, נישט אַ קליפּה, נישט דער
ס"ם. עס איז דאָ אין דעם נאָמען די גויאישע אויפפאַסונג
פון דואַליזם. מאָנסטערס זיינען נישט קיין שדים. אפילו
„דער האַר פון ליכט" איז עפּעס אַ נישט־אידישער באַגריף.
נישט־אידיש איז תוך איז אויך דאָס געפינען די לייזונג פון
אונזערע פּראָבלעמען אין דעם צוקונפטיגען מענש, אין דעם
קינד, אין דעם „ילד יולד לנו", אין וועלכען די געצענדינער
האָבען זיך אַזוי אָנגעכאַפּט. ווי עס זאָל נישט זיין, איז „אין
קיינעמס לאַנד" אַ הויך פּאָעטיש ווערק, און איז, אָהן צווייפעל,
די פערל פון דעם זאַמעלבוך.

אויף אַ קליינעם פאָרמאַט האָט מ. גיציס געפּרואווט
באַהאַנדלען דאָס אידישע פּראָבלעם אין זיין איינאַקטער „בטחון".
דער הויפּט־העלד איז רבי יהודה, אַ הויכע אַסקעטישע געשטאַלט
אין שוואַרצען. דאָס פּנים גלאַט געגאָלט. רבי יהודה
איז פאַרטריבען געוואָרען צוזאַמען מיט נאָך אידען אויף אַ
ווייט אינזעל, אין אַ „וועלט־געטאָ". דער נאָמען פון דעם אינזעל
איז דאָס אינזעל פון בטחון. די אידען לעבען
דאָ ווי הייליגע און וואַרטען, אַז רבי יהודה, זייער פיהרער, זאָל
איינגיכען פאַר זיי אַנטפּלעקען אַ סוד, „דעם סוד". אָבער עס
ווייזט זיך אַרויס, אַז די טומאה פּרואווט אויך דאָ ווייזען
איהרע צייהן און נעגעל. עס באַווייזט זיך אַ פרעמדער,
וואָס פּרעדיגט אַז דער וועג פון דער מענשהייט איז די ציוויליי־
זאַציע („דאָס ראַציאָנאַל־מעכאַנישע"), נישט דער גייסט („דאָס
ראַציאָנאַל־גייסטיגע"). דער פרעמדער איז אַן אָנהענגער פון
בלוט־פאַרגיסונגען, רעוואָלוציע. ער איז, ווי ער זאָגט וועגען
זיך, דער נחש הקדמוני. ער וויל לערנען רבי יהודה'ן דעם סוד
פון בלוט, שלעכטס, קאַמף. רבי יהודה האָט, אַפּנים, זעהר אַ
שוואַכען כאַראַקטער, ווייל ער גיט זיך אונטער שנעל און הויבט־
אָן נאָכרעדען דעם פרעמדען. אָבער זיין ווייב שרה און זיין תלמיד
ישראל לאָזען איהם נישט אַראָפּגעהן פון גלייכען וועג, און —
ווי עס פּאַסט פאַר אַ שוואַכען כאַראַקטער — טוט ער באַלד
ווידער תשובה. דער חסרון פון דער זאַך באַשטעהט דערין
וואָס רבי יהודה, דער פיהרער, איז אַרויסגעקומען ביי גיציס'ן
אַזאַ קליינע פּערזענליכקייט, אַזוי גרינג צום איבעררעדען. דאָך
איז פאַראַן אין דער זאַך שטימונג, אַטמאָספערע.

עס זיינען פאַראַן אין דעם זאַמעל־בוך פיר עסייען: יעקב
גלאַטליב שרייבט וועגען א. לעיעלעס, ה. לייוויק — וועגען מנחם
באָריישאַ, נ. מייזעל — וועגען קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, לעאָ
קעניג שרייבט אויף דער טעמע: „דאַרף די אידישע ליטעראַטור
אַ מיסיע?" לעאָ קעניג קומט צום אויספיר, אַז אַנשטאָט צו
זוכען אַ מיסיע, דאַרף די אידישע ליטעראַטור זוכען לייענער.
קיין מיסיע קאָן מען נישט זוכען. זי איז, לויט זיין מיינונג,
אויך נישט נויטיג. קיין שום ליטעראַטור האָט נישט קיין מיסיע.
פאַרוואָס זאָל עפּעס די אידישע זיין אַן אויסנאַם?... דאַגעגען
לייענער האָבען אַנדערע ליטעראַטורען יאָ, און דעריבער דאַרפען
מיר אויך האָבען לייענער. ווי מען זעהט, פאַרמעסט זיך לעאָ
קעניג נישט גרויס. ער וויל אונז זאָגען עטליכע פּראַקטישע
ווערטער און ער זאָגט זיי איינפאַך און אויפריכטיג.

די קריטישע אָפּהאַנדלונגען אין דעם בוך ליידען פון באַ־
ריידעוודיגקייט, נישט־זאַכליכקייט און איבערטרייבונגען. יעקב
גלאַטליב שרייבט וועגען א. לעיעלעס אויף עטליכע־און־דרייסיג
זייטען. גלאַטליב ווייזט אַרויס, אַז ער האָט גענוי דורכשטודירט
דעם שרייבער און זאָגט אַרויס דאָ און דאָרט ריכטיגע געדאַנקען
און מיינונגען. אָבער ווען מען לייענט זיין עסיי קאָן מען האָבען
דעם איינדרוק, אַז לעיעלעס איז געקומען אויף דער וועלט אַ
זשעני. נישטאָ ביי לעיעלעס'ן קיין פעהלערען, קיין שאָטענס,
קיין איינפלוסען, קיין שלעכטע זאַכען. אַלע פּראָבלעמען האָט
לעיעלעס געלייזט אין זיינע לידער; אַלץ וואָס מ'האָט געקאָנט

